האָבן זי געטרייסט, זעענדיק, אַז מרים האָט זיך
גיך אויפגעהויבן און איז אַרויסגעגאַנגען, האָבן
איר נאָכגעפאָלגט, מיינענדיק, אַז זי גייט צום
32 קבר, כדי דאָרט צו וויינען. און ווי מרים איז
אַהינגעקומען, וואו ישוע איז געווען, און האָט אים
געזעען, איז זי אַנידערגעפאַלן פאַר זיינע פיס,
און האָט צו אים געזאָגט: אויב דו וואָלסט דאָ געווען,
33 וואָלט דער ברודער מיינער נישט געשטאָרבן. און
ווי ישוע האָט זי געזעען וויינען און די יידן, וואָס
זענען מיטגעקומען מיט איר, אויך וויינען, האָט ער
אַ זיפץ געטאָן אין זיין גייסט, און זיך מצער געווען,
34 און געזאָגט: וואו האָט איר אים געלייגט? זאָגן זיי
35 צו אים: האַר, קום און זע. ישוע האָט פאַרגאָסן
36 אַ טרער. די יידן האָבן דעריבער געזאָגט: אָט זעט,
37 ווי ער האָט אים ליב געהאַט! אייניקע אָבער פון
זיי האָבן געזאָגט: צי האָט ער, וואָס האָט אויפגע־
עפנט די אויגן פון דעם בלינדן, דען נישט
געקענט מאַכן, אַז אויך דער (אלעזר) זאָל
38 נישט שטאַרבן? און ווידער אַ זיפץ טוענדיק אין
זיך אַליין, קומט ישוע צום קבר. און עס איז
געווען אַ הייל, און אַ שטיין איז געלעגן אויף
39 איר. זאָגט ישוע: נעמט אַוועק דעם שטיין. זאָגט
מרתא, די שוועסטער פון דעם געשטאָרבענעם, צו
אים: האַר, עס שפּירט זיך שוין פון אים, וואָרום
40 ער ליגט שוין פיר טעג. זאָגט ישוע צו איר: צי
האָב איך דיר דען נישט געזאָגט, אַז אויב דו וועסט
41 גלויבן, וועסטו זעען דעם כבוד פון ג־ט? און זיי
האָבן אַוועקגענומען דעם שטיין. און ישוע האָט
אויפגעהויבן די אויגן (צום הימל) אַרויף און געזאָגט:
פאָטער, איך דאַנק דיר, אַז דו האָסט מיך דערהערט.
42 און איך האָב געוואוסט, אַז דו הערסט מיך תמיד;